שנה ד'
גליון ע"ה

כי תשא-ויקהל
תשפ"ה לפ"ק

בעזהשי"ת

# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

גליון פנימי לאנ"ש חסידי פאפא • י"ל ע"י 'מערכת פאפא'

### מדור שיחות קודש ——— א

בתוכן:

**סייעתא דשמיא** / כוונה לשם שמים / **הנועם אליעזר מסקולען עם כ"ק מרן ז"ל** / אודות הרבנית הצדיקת סילקא ע"ה מצעהלים / **תפלה לה' הורני ה' דרכך** / קדושת ספר נועם אלימלך / **לימוד ספרי תלמידי בעש"ט בעיון** / קדושת ד' פרשיות / **ועוד**

### מדור דברות קודש ——— ט




**דברות קודש משך מסע הקודש של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לכבוד יומ"ד קדישא של כ"ק מרן אדמו"ר הויגד יעקב זי"ע**

בתוכן:

צדיק וצדיק / **עבודת צדיקים הן נצחי** / שלש פעמים הוי חזקה / **נסיעה לשם שמים** / התכללות עם כח הרבים / **צדיקים מקיימים עזוב תעזוב עמו** / מקומות הק' קדושת ארץ ישראל / **השפעות ביומא דהילולא** / דרך הויגד יעקב באופן אהבה / **כח האמונה** / בית יעקב אש / **ישועות כל ישראל** / שתרחמני עוד בגלותי לגאלני / **קבלת התפלות** / לגדל דור נאמנים לה' / **קדושת ר"ר אלימלך** / תלמידי ר"ר אלימלך / **ועוד**

### מדור חסידים דערציילן — טו

**נסיעה לרבי** / אן ערליכער איד / **טענת פורים על השבת** / מהר אהוב כי בא מועד

## שיחת קודש בעת ביקור **כ"ק האדמו"ר מישועות יעקב סקולען שליט"א** בקודש פנימה אצל דודו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**יום ה' ויחי תשפ"ה לפ"ק**

**האדמו"ר מסקולען**: כ'בין געקומען מודיע זיין פאר'ן פעטער אז ווי ס'הייסט יעצט וועט מען אונז אויפנעמען דא אינעם בית המדרש אין וויליאמסבורג.

**מרן שליט"א**: אהו! דער פלאץ איז א חשוב'ער פלאץ, קומט אויס אז דער פלאץ איז שוין דא אנגעגרייט, און מ'דארף נאר יעצט וואונטשן אז מ'זאל מצליח זיין אין דעם פלאץ.

ההצליח ה' דרכו (בראשית כד, כא), יעדע זאך דארף הצלחה וסייעתא דשמיא. אזוי ווי ס'ווערט געברענגט אז ווען **הגה"ק דער ברעזאנער רב זצוק"ל** האט זיך פארהערט די הוראה ביי **הגה"ק רבי שלמה קלוגער זצוק"ל**, האט ר' שלמה קלוגער געפרעגט דעם ברעזאנער רב צי ער קען אים פארהערן די כללי הוראה, האט ער געמיינט אז ער וויל אים פארהערן הלכות, האט ר' שלמה קלוגער געזאגט, "ניין, נישט דאס מיין איך, נאר מ'דארף וויסן א כלל גדול בהוראה אז מ'דארף האבן סייעתא דשמיא".

**כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל** האט אלץ אריינגעשריבן אין זיינע קוויטלעך 'לסייעתא דשמיא'. סייעתא דשמיא דאס באגלייט, דאס איז די גאנצע זאך, דארט הייבט זיך עס אן, און דארט ענדיגט זיך עס, אבער מ'מוז אויך אליין הארעווען, מ'קען זיך נישט אינגאנצן פארלאזן אויף סייעתא דשמיא, מ'טוט די ארבעט און דער אויבערשטער העלפט.

**האדמו"ר מסקולען**: איך דארף באקומען הדרכות פונעם פעטער וויאזוי מ'פירט א קהלה...

**מרן שליט"א**: ס'איז געווען א סופר וואס מ'האט אים געפרעגט, "וואס האסטו אינזין ביים שרייבן?" האט דער סופר געזאגט, "איך האב אינזין צוויי כוונות, איך זאל האבן פרנסה און אז די תפילין זאלן זיין כשר"... נאר וואס דען? די שאלה איז שטענדיג וועלכע איז דער עיקר צי די פרנסה צי אז די תפילין זאלן זיין כשר... דאס איז די שליסל דא!

נאך דארף מען וויסן אז אפילו מ'מיינט כבוד אבות איז עס אויך לשם שמים, ווייל כיבוד אב איז דאך אויך א מצוה, איז עס דאך ממילא אויך כבוד שמים.

נו, ביי ענק איז דאך דא אלע סימנים, אונז ווייסן דאך אז עטץ האטס דאך הצלחה און סייעתא דשמיא!

אז מ'פירט א פלאץ דארף מען וויסן וויאזוי זיך אומצוגיין מיט'ן עולם, דאס איז א חכמה ואינה מלאכה, און אויף די חכמה אליין דארף מען אויך האבן סייעתא דשמיא, דער עיקר איז אז דער אויבערשטער העלפט.

ביי די אשכנזים איז איינגעפירט - אין בעלזא איז אויך געווען אזוי - אז דער רב דאווענט מיט'ן פנים צום עולם, אבער ביי חסידים דאווענט מען מיט'ן פנים צו מזרח, פשט איז אז מ'דארף קענען שטיין מיט'ן פנים צו מזרח און דאווענען, און דאס איבריגע העלפט דער אויבערשטער.

דער עולם וועט אודאי לערנען און דאווענען און זיך פירן ווי מ'דארף, אידישע קינדער ווילן זיין גוט, מ'וויל דאווענען, מ'וויל לערנען, מ'וויל זיך פירן אזויווי מ'דארף זיך צו פירן, מ'וויל פירן די שטובער ווי ס'דארף צו זיין; נאר אמאל דארף מען עס ארויסברענגען מכח אל הפועל...

דער אויבערשטער העלפט יעדעם, זה בכה וזה בכה, דער זינגט אזא ניגון און דער זינגט אזא ניגון, אבער ס'איז אלעס איינס, דער ניגון איז נישט דער עיקר, מ'קען זינגען סקולענע ניגונים, און מ'קען אויך זינגען אנדערע ניגונים...

ביי ענק פירט מען דאך פרייטיג צונאכטס שיינע טישן, איך געדענק נאך ווען דער זיידע **כ"ק האדמו"ר הנועם אליעזר מסקולען זצ"ל** איז געקומען פראווענען ביי אונז אין בית המדרש, שפעטער האט ער זיך געצויגן פון קרוינהייטס קיין וויליאמסבורג האט ער געפראוועט דא אין וויליאמסבורג.

**האדמו"ר מסקולען**: דער נועם אליעזר איז דאך געקומען צום רבי'ן ז"ל אין די ניין טעג.

**מרן שליט"א**: יא, דער סקולענער רבי האט געוואלט מחזק זיין דעם טאטן ז"ל, ס'איז געווען דעמאלטס שווערע צייטן, האט ער געזינגען א ניגון, נאכדעם ווען דער סקולענער רבי איז ארויסגעגאנגען האט דער טאטע ז"ל געזאגט, "אה! דאס איז אויך א דרך!"

ס'איז געווען א שטארקע שייכות צווישן זיי!

דער טאטע ז"ל האט געזאגט אויף'ן מוסד חסד לאברהם אז באמת איז דאס אלעס אונזער ארבעט, אין אמת'ן ליגט

## לוח השבוע

פרשת **כי תשא** תשפ"ה

והגית טעלעפאן סיסטעם 718-977-5555

והגית

| | מסכת סוטה – סדר א' - עמוד ליום – שיעור היום | מסכת סוטה – חזרת החודש | מסכת זבחים – סדר ב' - דף ליום – שיעור היום | מסכת זבחים – חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג | לח: | כח: | סח | נ |
| מאנטאג | לט. | כט. | סט | נא |
| דינסטאג | לט: | כט: | ע | נב |
| מיטוואך | מ. | ל. | עא | נג |
| דאנערשטאג | תענית אסתר | ל: | תענית אסתר | נד |

**הבחינה הבא:**
זונטאג ויקרא
א' ניסן, תשפ"ה
סדר א' - עמוד ליום
בחינה
מס' סוטה לו. – מ"ה.
חזרה בחינה
מס' סוטה כו. – ל"ה:
סדר ב' - דף ליום
בחינה
מס' זבחים דף ס"ד – פ'
חזרה בחינה
מס' זבחים דף מ"ו – ס"ג

## לוח השבוע

פרשת **ויקהל** תשפ"ה

והגית טעלעפאן סיסטעם 718-977-5555

והגית

| | מסכת סוטה – סדר א' - עמוד ליום – שיעור היום | מסכת סוטה – חזרת החודש | מסכת זבחים – סדר ב' - דף ליום – שיעור היום | מסכת זבחים – חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג פורים המשולש | מ: | לא. | עב | נה |
| מאנטאג | מא. | לא: | עג | נו |
| דינסטאג | מא: | לב. | עד | נז |
| מיטוואך | מב. | לב: | עה | נח |
| דאנערשטאג | מב: | לג. | עו | נט |

**הבחינה הבא:**
זונטאג ויקרא
א' ניסן, תשפ"ה
סדר א' - עמוד ליום
בחינה
מס' סוטה לו. – מ"ה.
חזרה בחינה
מס' סוטה כו. – ל"ה:
סדר ב' - דף ליום
בחינה
מס' זבחים דף ס"ד – פ'
חזרה בחינה
מס' זבחים דף מ"ו – ס"ג

דאס אלעס אויף אונז, נאר סקולענער רבי טוט אונזער שליחות, ממילא דארפן אונז אלע צולייגן א פלייצע.

**האדמו"ר מסקולען**: ביי די גורל נאכ'ן פטירה פון עלטער זיידן ז"ל האט ער געלאזט צוואה אז מ'זאל פרעגן דעם רבי'ן ז"ל.

**מרן שליט"א**: יא יא, אבער נישט נאר די שאלה, נאר אנדערע שאלות האט ער אויך געפרעגט פון טאטן ז"ל, אנדערע ענינים וואס זענען געווען אין שטוב האט ער געפרעגט פון טאטן ז"ל.

*

**מרן שליט"א**: דער טאטע [**כ"ק האדמו"ר רבי ישעי' יעקב מסקולען זצ"ל**] איז געבוירן תשי"ז?

**האדמו"ר מסקולען**: יא, ער איז געבוירן כ"ו אדר תשי"ז. כ"ו אדר איז די יארצייט פון **הגה"ק רבי ישעי' יאס זצ"ל בעמח"ס כליל תפארת**, ער איז געווען דער רבי פאר מיין עלטער-עלטער זיידן **הגה"ק רבי ישראל אברהם מסקולען זצ"ל**, דערפאר האט מען א נאמען געגעבן פאר'ן טאטן ישעי' נאך דער כליל תפארת.

**מרן שליט"א**: אזעלכע זאכן בלייבן! ס'איז נצחיות! דאס דארף מען אלעס געדענקען. דאס זענען אידן וואס האבן געדינט דעם אויבערשטן מיט מסירות נפש, און האבן זיך אוועקגעגעבן פאר אידישע קינדער.

**האדמו"ר מסקולען**: מיין מאמע **הרבנית הצדיקת מסקולען תליט"א** הייסט דאך נאך די מומע **הרבנית הצדיקת סילקא ע"ה** א"ח בזוו"ר **הגה"ק מצעהלים זצוק"ל**.

**מרן שליט"א**: יא, איך געדענק עס, ס'איז געווען ממש נאכדעם, די צעהלימער רביצין איז אוועק כ' סיון תשט"ו, ס'איז געווען אויף א פרייטאג.

**האדמו"ר מסקולען**: ווי איך פארשטיי פון מאמע גייט דער פעטער יעדע יאר צום יארצייט פונעם צעהלימער רביצין.

**מרן שליט"א**: יא יא, מ'האלט די יארצייט, ס'איז א טובה פאר די נשמה אז מ'זאגט תהלים און מ'טוט די אלע זאכן לטובת הנשמה.

**האדמו"ר מסקולען מסר פריסת שלום על בני כ"ק מרן שליט"א מעיר בארא פארק, ה"ה הרה"צ רבי לוי יצחק שליט"א, הרה"צ רבי יוסף שליט"א, הרה"צ רבי משה שליט"א.**

**ואיחל כ"ק מרן שליט"א:**

דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל האבן הצלחה וסייעתא דשמיא געזונטערהייט, זכות אבות זאל באגלייטן. אז מ'כאפט זיך און מ'האלט זיך פעסט, וועט דער טאטע זיכער שטיין צו די רעכטע האנט.

**האדמו"ר מסקולען הזכיר עצמו בשמו ושם אמו, ואיחל:** דער פעטער זאל זיין געזונט און שטארק און ווייטער פירן די עדה און ממשיך זיין כל מיני ישועות.

**מרן שליט"א**: יישר כחכם, יישר כחכם; דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל הערן בשורות טובות, און איך האף אי"ה אז כ'וועל הערן גוטע גריסן. כל טוב, בשורות טובות, זייטס געזונט.

* * *

## שיחת קודש בעת ביקור **כ"ק האדמו"ר מישועות יעקב סקולען שליט"א** בקודש פנימה אצל דודו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**יום ב' תרומה תשפ"ה לפ"ק**

**האדמו"ר מסקולען:** אונז גרייטן זיך צו פירן די ערשטע שבת דא ביי אונז אין בית המדרש בס"ד.

**מרן שליט"א**: זייער גליך, זייער גליך!

**האדמו"ר מסקולען**: נו, דארף מען דאך באקומען עפעס א הוראה וויאזוי מ'זאל זיך פירן, דער פעטער דארף מיר אויסלערנען...

**מרן שליט"א**: איך געב נישט קיין עצות... **כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע** ברענגט אויפ'ן פסוק (שמות י, כו) ואנחנו לא נדע מה נעבוד את ה' עד בואנו שמה, אז ס'איז געווען ביי איינער פון די צדיקים וואס מ'האט אים געפרעגט צו וועלכע רבי מ'זאל זיך מדבק זיין לאחר פטירתו, האט ער געענטפערט אז ווען עטץ וועטס גיין פרעגן פון איינעם א דרך אין עבודת ה' און ער וועט זאגן א דרך זאלט עטץ אים נישט מקבל זיין פאר א רבי, אבער דער וואס וועט ענק זאגן, "אונז קענען גארנישט טון, ס'איז נישט דא קיין עצה, יעדער איד מוז זיך אליין אויסבעטן", צו דער וואס זאגט דאס, צו אים זאלט עטץ זיך מדבק זיין, ווייל יעדער איד דארף זיך בעטן ביים אויבערשטן הורני ה' דרכך.

דאס טייטשט דער ערוגת הבשם, ואנחנו לא נדע מה נעבוד את ה' עד בואנו שמה, דאס הייסט ביז אונז קומען צו דעם מדריגה אז אונז וויסן נישט קיין עצות.

ממילא איז די תשובה אויף די שאלה אז ס'איז נישט דא קיין עצה אויף דעם, דער עיקר דארף מען זיך פארלאזן אויף זכות אבות, מ'כאפט זיך אן אין דעם, מ'דארף נאר שכל האבן און וויסן וויאזוי דאס אויסצונוצן.

## פר' ויקהל / רפואה העלפליין / פאפא מאנסי



תכלית הידיעה שלא נדע, און אז מ'בעט דער אויבערשטער העלפט דער אויבערשטער, אז א איד זאגט אז ער ווייסט נישט העלפט אים דער אויבערשטער, אבער אז א איד זאגט אז ער ווייסט יא, איז דאס נישט קיין עסק.

**האדמו"ר מסקולען**: אין **נועם אלימלך** שטייט (פ' וישלח סוף ד"ה וישלח יעקב) אז ס'איז דא געוויסע דרכים אין עבודת ה' וואס מ'דארף בעטן טעג, וואכן, און יארן, ביז מ'וועט ענטפערן מן השמים.

**מרן שליט"א**: נועם אלימלך איז זייער הויער, אבער יעדער האט זיך זיינע שטיקלעך וואס ער קען ארויסנעמען, כאטש נועם אלימלך איז זייער הויעך איז עס אבער געמאכט פאר יעדעם איינעם.

כאטש ס'איז נישט ממש פאר יעדעם איינעם... אזוי ווי ס'איז באקאנט די מעשה פון **הגה"ק צעהלימער רב זצוק"ל** אז ער האט אמאל געטראפן א פשוט'ער איד, און ער האט אים אויסגעפרעגט וואס ער טוט און וואס ער לערנט, איז אויסגעקומען אז דער איד האט געזאגט אז ער לערנט נועם אלימלך, האט אים צעהלימער רב געפרעגט, "איר גייט אין מקוה?" האט דער איד געזאגט אז ער גייט נישט אין מקוה, האט צעהלימער רב געזאגט, "נועם אלימלך איז נישט פאר אייך, איר דארפט נישט לערנען נועם אלימלך"...

האט דער איד געפרעגט, "איך פארשטיי נישט, גמרא תוספות קען איך יא לערנען און נועם אלימלך נישט?"... האט צעהלימער רב געזאגט, "יא, די גמרא איז געשריבן געווארן פאר יעדעם איינעם אויך פאר דער וואס גייט נישט אין מקוה, אבער נועם אלימלך נישט"...

יעדע איד קען זיך האבן זיינע זאכן אינעם נועם אלימלך, אדער אין צעטיל קטן, אדער אין די הנהגות פון ר"ר אלימלך זי"ע.



**האדמו"ר מסקולען**: דער טאטע הכ"מ [**כ"ק האדמו"ר רבי ישעי' יעקב מסקולען זצ"ל**] פלעגט אלץ האבן א נועם אלימלך נעבן זיך ביים דאווענען שחרית יעדן טאג. אין צעטיל קטן איז ער געווען אדוק, און זייט די זיבעצן יאר ביז סוף ימיו האט ער יעדן טאג פאר'ן לערנען געלערנט צעטיל קטן.

**מרן שליט"א**: **כ"ק מרן אאמו"ר זצוקל"ל** ברענגט אין די הקדמה (לספה"ק ויגד יעקב מועדים), אז ווען דער ערוגת הבשם איז נישט געזונט געווען האט ער געבעטן דעם זיידן **כ"ק אא"ז מרן הויגד יעקב זי"ע** אז ער זאל אים פארלערנען צעטיל קטן, און דער ערוגת הבשם האט אים געוויזן, "דא האלט איך", דהיינו אז ס'איז געווען ביי אים א לימוד, דא ביי דעם סעיף האלט איך, ס'איז נישט געמאכט סתם צו קוקן[א]...

מ'זאגט נאך אויף הרה"ק שינאווער רב זי"ע אז די משמשים האבן דערציילט אז מ'האט באמערקט אז ער לערנט מוסר אינעם ראשית חכמה, און שוין עטליכע טעג וואס ער האלט נאך ביים זעלבן בלאט, אזוי איז ער

---

**א.** ראה מה שכתב כ"ק מרן זצוק"ל שם בהקדמה: וסיפר לנו [מרן הויגד יעקב זי"ע] איך כ"ק אא"ז זצ"ל בעל ערוגת הבשם הי' לומד הצעטל קטן וההנהגות האלה הרבה פעמים בעיון, ובעת חליו של אא"ז זצללה"ה שהי' חלוש מליקח ספר ללמוד, קרא פ"א את אאמו"ר זצ"ל אל מטתו שיקרא לפניו בצעטל קטן ואמר לו "סעיף ח' האלט איך", כלומר שם אני עומד בלימודי, כמו בלימוד שצריך עיון ומחלקין אותו לפרקים והבן. וכיוצא בזה סיפר לי כ"ק אמו"ח (שליט"א) [זצ"ל] שגם לו צוה פ"א לקרוא אצל מטתו הצעטל קטן, ומחמת רגילותו בו קרא במהירות קצת, ואמר לו אמור בנחת כי יש לי על כל תיבה כמה פירושים.



פאר א לאנגע צייט געבליבן שטיין ביים זעלבן בלאט, האבן די משמשים געפרעגט פון רבי'ן וואס איז פשט, האט שינאווער רב געזאגט, "מ'גייט נישט ווייטער מיט קיין שורה, ביז ס'גייט נישט אריין אין הארץ אריין!"

צדיקים האבן געהאט א דרך! סתם אידן פארשטייען נישט די ווערטער פון נועם אלימלך, נישט יעדער איז זוכה דאס צו פארשטיין, און נישט יעדער איז זוכה משיג צו זיין. אפילו מ'פארשטייט נישט הונדערט פראצענט נעמט מען ארויס א ווארט דערפון, ס'איז דאך דא א לעכטיגקייט אין דעם! יעדע ווארט האט א לעכטיגקייט, אפילו ס'איז נישט אלץ געשריבן פאסיג אז מ'זאל דאס קענען פארשטיין.

באמת איז דאס אליין אויך א זאך, אז דער ספר איז געמאכט זיך צו פלאגן, דאס מיינט מען דאך אז מ'זאל זיך טאקע פלאגן...

**האדמו"ר מסקולען**: מיין טאטע האט געהאט אן אינטערעסאנטע מנהג אז ער האט אריינגעשריבן אינעם נועם אלימלך די נעמען פון אלע קינדער און די טאג ווען זיי זענען געבוירן.

*

**מרן שליט"א**: שבת שקלים איז א גרויסע שבת, שבת שקלים הייבט זיך דאך אן די ד' פרשיות, שבת שקלים מיינט דאך אז מ'דארף זיך שטענדיג וועגן און מעסטן, שבת זכור מיינט אז מ'דארף געדענקען וואס מ'דארף צו געדענקען, שבת פרה מיינט דאך טהרה, שבת החודש מיינט דאך התחדשות.

**כ"ק מרן שליט"א כיבד את האדמו"ר מסקולען לברך על היין, ואיחל:**



לחיים, לחיים טובים ולשלום. דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל האבן הצלחה וסייעתא דשמיא, זכות אבות זאל באגלייטן, דער טאטע זאל שטיין צו די רעכטע האנט.

**האדמו"ר מסקולען**: אמן! דער אויבערשטער זאל העלפן דער רבי זאל האבן אריכות ימים ושנים טובות, און מ'זאל פארן געזונטערהייט [מסע הקודש לאירופה לרגל יוד"ק של מרן הויגד יעקב זי"ע], און מ'זאל פועל'ן אלעס גוטס.

**מרן שליט"א**: מ'האפט מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף, דער אויבערשטער דארף געבן כח אויך צו דעם נסיעה... מ'דארף אסאך כוחות, און מ'דארף עס אויסנוצן.

**נפרדו לשלום, ובדרך חוצה נסובה השיחה אודות ברית מילה של האדמו"ר מישועות יעקב סקולען.**

**האדמו"ר מסקולען**: דער רבי איז געווען מיין מוהל אין מאנטרעאל.

**מרן שליט"א**: איך האב א סימן וויאזוי איך געדענק אז כ'בין געווען דארט מוהל, ווייל ביים איבערפאקן דאס קינד געדענק איך איז נישט געווען קיין וואסער זיך אפצוואשן די הענט, האב איך זיך געוואשן די הענט מיט סודה-וואסער...

**ונפרד ממנו מרן שליט"א**: כל טוב, בשורות טובות.



# דברות קודש

**אצל שלחן הטהור ב' אדר ומעמד הכנה דרבה לקראת עלי' לציון הק' לרגל יומא דהילולא קדישא של כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע בחצר רבותינו הק' 'עץ חיים' בעיר פאפא יצ"ו**

**מוצאי שב"ק תרומה תשפ"ה לפ"ק**

## צדיק וצדיק

כ'וועל זאגן בקיצור, ס'איז נאך דא וואס צו טון היינט נאכט...

מ'האט מסיים געווען ששה סדרי משנה (עוקצין ג, יב) אמר רבי יהושע בן לוי עתיד הקדוש ברוך הוא להנחיל לכל צדיק וצדיק שלש מאות ועשרה עולמות, שנאמר (משלי ח, כא), להנחיל אהבי יש ואצרתיהם אמלא. שטייט ווייטער אין די משנה אמר רבי שמעון בן חלפתא לא מצא הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום.

ששה סדרה משנה הייבט זיך אן (ברכות א, א) מאימתי קורין את שמע בערבית משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן.

קען זיין די כוונה לענינינו. **כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע** זאגט (על ששה סדרי משנה - לסיומא דמסכתא) אז ס'שטייט דער לשון צדיק 'ו'צדיק, וא"ו איז א מחבר, דאס מיינט מען די וואס זענען דבוק און האבן א שייכות מיט'ן צדיק, אתד"ק. דאס איז דער ענין פון די שלש מאות ועשר עולמות, ווייל ס'איז דאך דא תר"כ מצות, תרי"ג מצות דאורייתא און שבע מצות דרבנן, צוזאמען איז עס תר"כ, האלב פון די תר"כ מצות נעמען די צדיקים פאר זיך, און די אנדערע האלב לאזן זיי איבער פאר די וואס האבן א שייכות מיט זיי, דאס מיינט צדיק וצדיק.

## עבודת צדיקים הן נצחי

אבער ס'קען נאך זיין די כוונה. דער ברטנורא זאגט, להנחיל אוהבי יש, יש בגימטריא הכי הוי. וואס איז די רמז אין דעם 'יש', וואס האט דאס א שייכות דייקא מיט דעם פסוק. נאר 'יש' מיינט מען אז ס'איז א מציאות, א זאך וואס איז נאר עובר ס'האלט זיך נישט, איז נאר היינט א 'יש' אבער מארגן איז ער נישט קיין 'יש', מארגן איז ער גארנישט, ס'איז נישט דא מער. דאס מיינט להנחיל אוהבי יש, יש איז תמידות'דיג, די כח פון צדיקים בלייבט שטענדיג!

וואס בלייבט פון די צדיקים? שטייט ווייטער אין פסוק ואוצרותיהם אמלא, אוצר מיינט מען יראת שמים, ווייל דער אוצר פון צדיקים איז יראת שמים (עיין ברכות לג: שבת לא.), און כאטש ס'ענדיגט זיך לאחר פטירתם בעולם הזה, אבער וויבאלד זיי האבן איבערגעלאזט די אוצרות ביי די תלמידים וואס זענען געבליבן און זיי האבן געהאט א שייכות מיט'ן צדיק, ביי דעם ווערט מקויים ואוצרותיהם אמלא, דאס ווערט כסדר אנגעפולט נאך און נאך פאר אלע דורות, און ס'האט נישט קיין שיעור.

כ'האב שוין נאכגעזאגט (ליל שב"ק אצל שלחן הפירות) וואס דער **תפארת שלמה** זאגט (פ' תרומה סוף ד"ה ויקחו לי תרומה ב'), אבער ס'איז


Cong. Kehilath Yakov Pupa
Tel. 845-565-7872
POB 178 Monsey, NY 10952

קהל קהלת יעקב פאפא
מאנסי, ניו יארק

בשם כל קהל אנשי שלומינו משגרים אנו בזה ברכותינו העמוקות היוצאים מעומק הלב, מול האי איש חי ורב פעלים, איש אשר רוח בו, כי לו נאה ולו יאה כל שבח ותהלה, נעים הליכות, אהוב ונחמד לכל, גברא דמרא סייעא וכל אשר הוא עושה ה' מצליח בידו, רץ כצבי וגיבור כארי לכל קדשי קהלתנו הק', אין גומרים עליו את ההלל, ה"ה

**ידיד כל בית פאפא העסקן הנמרץ לכל קדשי קהלתנו הק'**

הרב **יוסף דייטש** שליט"א

**גבאי נאמן דבית מדרשנו**

לרגל השמחה השרויה במעונו בהולדת בתו למזל טוב

יהי רצון שתזכה לראות רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יו"ח, ותתברך בכל מיני השפעות טובות, ותזכה להמשיך בפעולותיך הברוכות למען בית פאפא, עדי נזכה לעלות לציון ברנה עם מלכנו בראשנו אמן ואמן.

**המאחלים והמברכים מעומק הלב:** הנהלת הקהלה

כדאי נאכאמאל צו חזר'ן, אז ס'שטייט (שמות כה, ב) מאת כל איש אשר ידבנו לבו, איש מיינט מען דעם צדיק, דאס איז משה רבינו, און מיט דעם האט מען מקיים געווען ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שם, ח). לייגט דער תפארת שלמה צו נאך, אז דאס מיינט מען וכן תעשו לדורות (שם, ט וברש"י), אז דאס מיינט מען נישט נאר משה רבינו, נאר די צדיקים פון אלע דורות, אתד"ק.

## שלש פעמים הוי חזקה

האב איך געקלערט אז ס'קען זיין דער ענין פון שלש מאות ועשר עולמות, מאה איז מרמז אויפ'ן פסוק (דברים י, יב) מה ה' אלקיך דורש מעמך כי אם ליראה (עיין מנחות מג:), פארוואס איז אבער דא דריי מאל מאה וואס איז נישט גענוג פון איין מאל מאה?

נאר ס'שטייט אין פסוק (ישעי' נט, כא) לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך, איז דער פשט (בבא מציעא פה.) אז מכאן ואילך תורה מחזרת על אכסניא שלה, ווייל דער כלל איז אז דריי מאל איז א חזקה, און דאס וועט שוין גיין ווייטער. דאס מיינט מען דא מיט די שלש מאות, אז די אוצר פון יראה גייט ווייטער לדורות בבחינת חזקה פון לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך.

אבער יעדע דבר שבקדושה גייט דאך נאך העכער און נאך העכער, און חזקה קען אויך זיין אבי יוצא צו זיין אפילו ס'איז נישט בשלימות, אויף דעם לייגט מען צו די עשרה, אז ס'זאל זיין אינגאנצן בשלימות, ווייל צדיקים זענען נישט צופרידן, און אז דער אויבערשטער געבט די מתנה פאר די צדיקים, געבט ער בבחינת כל הנותן העין יפה נותן, און די עשרה בלייבט שטענדיג נאך און נאך אינגאנצן בשלימות אזויווי די צדיקים ווילן אז ס'זאל זיין.

## נסיעה לשם שמים

באמת אז מ'רעדט דא וויל איך זאגן, אז פאר מיר האבן זיך מיישב געווען און מחליט געווען אז מיר זאלן אהערקומען דא, האט מען זיך גע'ישוב'ט צי איך האב יא כח אויף דעם צי כ'האב נישט כח אויף דעם, אבער דער אמת איז אז א דבר שבקדושה אויב מ'מיינט עס טאקע ערנסט געבט דער אויבערשטער כח.

## התכללות עם כח הרבים

אבער דער עיקר איז און דאס איז נאכמער, אז מ'קומט דא מיט א כח הרבים.

וויל איך טאקע ערוועגען לגבי דעם כח הרבים, אז דאס גרעסטע כח פון פועל'ן ישועות און פון קיבול תפלות איז, אז מ'איז זיך כולל אויך צוזאמען מיט אנדערע אידן, דהיינו אז יעדער האט זיך זיינע זאכן וואס ער איז מרגיש און מתפלל, אבער מ'דארף וויסן אז מ'דארף זיך כולל זיין צווישן אנדערע אידן, מ'דארף מתפלל זיין אויף יעדעם איינעם, אז אלע אידן זאלן זיין געזונט, אלע אידן זאל האבן בני חיי ומזוני, די שטובער זאלן זיין לעכטיג, לעכטיגע שטובער! ס'זאל זיין באמת לעכטיג און בשמחה!


קהל קהלת יעקב פאפא
מאנסי, ניו יארק
Cong. Kehilath Yakov Pupa
Tel. 845-565-7872
POB 178 Monsey, NY 10952

בשם כל קהל אנשי שלומינו יעלה ויבא קדם מעלת כבוד העסקן הדגול, איש חי ורב פעלים, עומד הכן לטובת הקהלה, מסור ונאמן למען כל דבר טוב

**הרב יעקב יחזקי' אבערלאנדער שליט"א**

**עוסק בלי ליאות למען הצלחת קהלתנו הק'**

לרגל שמחת אירוסי בתו הכלה תחי' למזל טוב עם החתן החשוב יוסף נ"י בן ידידנו הר"ר אפרים אהרן וועבער הי"ו מחשובי אנ"ש פה מאנסי

יהי רצון מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה לראות רוב נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, לאורך ימים ושנים טובים, עדי נזכה לקבל פני משיח צדקנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המברכים מעומקא דלבא:** הנהלת הקהלה

מ׳זעט היינט אז די גאס איז אזא פאלשע גאס, כ׳וויל נישט דא יעצט מאריך זיין אין דעם, אבער היינט אין די טעכנעלאגישע וועלט ווען מ׳מאכט ביזנעס רעדט מען דאך שוין נישט עכט איינער צום צווייטן... איך זאג אסאך מאל אז מ׳דארף זיך טרעפן מיט יענעם פנים אל פנים, ס׳איז דאך היינט אזא פאלשע וועלט אז מ׳רעדט נאר איינער צום צווייטן דורך פלעסטיק׳ס און סקרינ׳ס...

דאס איז א פאלשע וועלט, ס׳איז אן עולם השקר! ס׳גייט נישט אזוי, מ׳קען זיך טויזענט מאל אויפ׳ן קאפ שטעלן, אבער דער אויבערשטער האט אזוי באשאפן די וועלט בסדר העולם אז ס׳איז דא א קשר וואס א מענטש דארף האבן שייכות איינער מיט׳ן צווייטן, קומען זיי און זאגן אז מ׳דארף נישט קיין פערזענליכער קשר, נאר מ׳רעדט מיט סקרינ׳ס, מ׳מאכט מיטינגען אויף סקרינ׳ס, זיי רופן עס ׳זָאאם׳... דאס איז אלעס פאלש!

אידישע קינדער האבן אן איחוד איינער מיט׳ן צווייטן, אז מ׳טרעפט זיך און מ׳זאגט א גוטווארט איינער פאר׳ן צווייטן, און א חלק פון דעם איז טאקע אז מ׳איז נישט נאר מתפלל פאר זיך, נאר מ׳האט אויך אינזין א צווייטן.

דאס איז פשט אין די משנה אמר רבי שמעון בן חלפתא לא מצא הקדוש ברוך הוא כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום, שלום מיינט מען אחדות, און דאס וואס אונז האבן געזאגט אז ס׳איז מרומז אין דעם שלש מאות ועשר עולמות אז צדיקים טוען ווייטער משפיע זיין, איז כדי ס׳זאל זיין א ברכה אין דעם דארף מען האבן די כח האחדות.

אחדות איז ווי מ׳נעמט צוזאם א גרויסע שיסל צי פאס וואס אלע האלטן צוזאמען, און מ׳בעט פונעם רבונו של עולם אז בזכות פון די צדיקים זאל ער אנפולן די גרויסע גרויסע שיסל; ס׳זאל זיין שמחה! און אודאי אז ס׳זאל נישט זיין קיין עגמת נפש, קיין ׳שום׳ עגמת נפש! דאס מיינט לא מצא הקב״ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום.

## צדיקים מקיימים עזוב תעזוב עמו

ס׳איז דאך ידוע וואס **כ״ק מרן מבעלזא זי״ע** האט געזאגט אויפ׳ן פסוק (דברים יא, כא) למען ירבו ימיכם, אז כאטש אין מעשה וחשבון בשאול אז לאחר פטירתם קען עס שוין נישט גיין ווייטער, אבער טאמער מ׳האט איבערגעלאזט תלמידים גייט עס ווייטער, און די עבודה איז ווייטער דא, אתד״ק.

ס׳איז דא א דין מצוה פון עזוב תעזוב עמו, ממילא אויב איז ביי צדיקים וואס לאזן איבער תלמידים ווייטער שייך די מצוות, קומט דאך אויס לפי זה איז באיזה אופן שייך ביי זיי די מצוה פון עזוב תעזוב עמו, און אונז וואונטש מיר זיך אז זיי זאלן אונז העלפן.

מ׳האט פריער גערעדט [מו״ץ **הרה״ג ר׳ דוד לייב פישער שליט״א**] איבער די דיון צי מ׳קען יא בעטן פון די צדיקים ביי קברי צדיקים צי נישט, אבער דאס איז זיכער אז במחשבה קען מען טראכטן אזוי, אז די צדיקים וואס אונז גייען צו זיי


מעומק הלב נברך בזה ברכת מזל טוב לכבוד האי ארי שבחבורה, עוסק בתורה בשקידה נפלאה, שמועתו נאה, עושה פרי תבואה, תורה וחסידות בו צמודים יחד, כמעיין המתגבר משפיע לנו מבאר החיים של רבותינו הק׳, אשרי השומעים בכל עת אמרתו, עובד עבודתו בקודש במסירות נפלאה, מאיר פנים לכל אדם, עסקן נמרץ למען קדשי בית חיינו, ה״ה

הרה״ח ר׳ **יושע דוד כ״ץ** שליט״א

**ראש החבורה במסגרת ארגון החבורות דחסידי פאפא**

לרגל הולדת בתו למזל טוב

יהי רצון שיזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו״ח, מתוך שלוות הנפש והרחבת הדעת, ויתברך בשפע ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, ויזכה להמשיך עם פעלים וחיילים לתורה וחסידות, להשפיע תורה וחסידות מבארם של רבותינו הק׳, עד ביאת ינון גואלנו, ומלכנו בראשנו, במהרה בימינו אמן ואמן.

**המברכים ברגשי גיל והוד**

**חברי החבורה תלמידי כתה ט׳**

זאלן אונז העלפן, בפרט דער זיידע זכרונו לברכה וואס היינט איז די יארצייט זאל ער אונז העלפן.

אבער דער דין ביי עזוב תעזוב עמו איז, אז הלך וישב ואמר לו הואיל ועליך מצוה אם רצית לפרוק פרוק דעמאלטס איז מען פטור, ממילא דארפן אונז טון עפעס דערצו, דהיינו אז ווען אידישע קינדער קומען זיך צוזאם און מ'זאגט נאך א גוט ווארט פון א צדיק, מ'לערנט פון זיי, מ'איז זיך מקבל צו גיין אין זייערע דרכים, ובפרט אז מ'צינדט אן לעכט, מ'לערנט משניות, און מ'זאגט א קאפיטל תהלים, דורכדעם ווערן די צדיקים אויפגעהויבן, און אז די צדיקים ווערן אויפגעהויבן גייען אונז צוזאמען מיט זיי.

## מקומות הק' קדושת ארץ ישראל

מ'גייט אויף די הייליגע פלעצער די מקומות פון צדיקים וואס דאס איז דאך קדושת ארץ ישראל, און אלע תפלות גייען דאך קיין ארץ ישראל.

ס'איז באקאנט אז **כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע** איז געווען אין בעלזא כ"ג שבט ביים יארצייט פונעם **מיטעלער רב זי"ע**, און ער איז געשטאנען לאנג ביים ציון און געזאגט גאנץ תהלים אין די קעלט, און **דער פריערדיגער רב ז"ל** האט אים געפרעגט, "מ'קען דאך אויך זאגן אינעווייניג תהלים, וואס דארף מען זאגן אין די קעלט?" האט דער ערוגת הבשם געזאגט, "קברי צדיקים איז קדושת ארץ ישראל, און אין ארץ ישראל איז נישט קאלט!"

שפעטער ווען דער ערוגת הבשם איז ארויסגעגאנגען האט דער פריערדיגער רב ז"ל געזאגט, "איר זאלט וויסן אז ביי אים איז דאס אמת'דיג געווען אזוי, ס'איז אים נישט געווען קאלט וויל ביי אים איז דאס געווען ארץ ישראל, און אין ארץ ישראל איז יעצט נישט קאלט", וויל דער ערוגת הבשם האט דאך נישט גערעדט אין די וועלט אריין סתם אזוי.

## השפעות ביומא דהילולא

מ'האט פריער געזאגט אז מ'וויל פועל'ן מיט די גרויסע כלי אז מ'נעמט א גרויסע שיסל. ביי חסידים רופט מען א יארצייט 'הילולא'; די בעל הבת'ישע אידן אינדערהיים פלעגן זיך וואונטשן ווען מ'איז געגאנגען צו א חתונה "א גוטע אונטערהאלט", אז מ'זאל זיך גוט אונטערהאלטן, האט דער זיידע ז"ל [**מרן הויגד יעקב**] געזאגט אויף דעם, "יא! מ'זאל נעמען א גוטע כלי און אונטערהאלטן די אלע השפעות טובות!"

דאס מיינט די משנה משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן, 'תרומה' מיינט אז מ'ווערט אויפגעהויבן; אז ס'קומט א יארצייט פון א צדיק ווען אידישע קינדער און די וואס קערן זיך אן צום צדיק זאגן א קאפיטל תהלים, מ'לערנט, און מ'קומט זיך צוזאם, און דורכדעם ווערן די צדיקים אויפגעהויבן, און אז זיי ווערן געהויבן גייען אונז מיט זיי, וויל דער רבי קען אונז נישט איבערלאזן! וויל אז א תלמיד איז דבוק אין א רבי'ן וויל ער גיין צוזאמען מיט'ן רבי'ן.

אויף דעם איז אונזער חלק אז אונז דארפן טאקע מקיים זיין דעם מאימתי קורין את שמע, און מקבל זיין עול מלכות שמים אן קיין חכמות, עול מלכות שמים מיינט אז ס'איז טאקע שווער אבער ס'איז זיס! אזויווי די וועלט זאגט, "ס'איז שווער צו זיין א איד, אבער ס'איז זיס צו זיין א איד!"

## דרך הויגד יעקב באופן אהבה

דאס איז טאקע געווען די דרך פון זיידן ז"ל, כאטש די אהבת ישראל פונעם ערוגת הבשם איז אויך געווען מורא'דיג ווי ער האט זיך אוועקגעגעבן פאר יעדעם איינעם, ס'איז נישט געווען ביי אים קיין עצמיות, אבער בחיצוניות איז עס געווען מער אויף אן אופן פון פחד, אבער דער זיידע ז"ל איז געווען מער אויף אן אופן פון קירוב און פון אהבה, כאטש ס'איז געווען ביי אים פחד אויך, אבער ס'האט זיך מער ארויסגעזען די אופן פון אהבה.

ממילא האפן מיר זוכה צו זיין צו פועל'ן כל מיני ישועות, ס'זאל פארשווינדן ווערן אלע עגמת נפש'ן, ס'זאל נישט זיין מער די אלע עגמת נפש'ן, מ'זאל האבן בני חיי מזוני, כל מיני השפעות בגשמיות וברוחניות, מ'זאל זוכה זיין ממשיך צו זיין ווייטער לעכטיגע אידישע דורות, ס'זאל מקויים ווערן ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה, זכותו יגן עלינו, און מ'זאל שוין זוכה זיין בקרוב צו גיין קעגן משיח צדקנו בב"א.

* * *

# דברי התעוררות והשתפכות

**אצל ציון הק' של כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע במעמד התפלה ברוב עם בעצם יומא דהילולא קדישא במסגרת מסע הקודש תשפ"ה**

**באישון ליל, מוצאי שב"ק תרומה תשפ"ה לפ"ק**

## כח האמונה

גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן (חולין ז:), ס'איז געקומען דא א ציבור אידן מיט אונז מתפלל זיין אויף דעם מקום קבורה פון **זיידן זכרונו לברכה מורה מורינו הרב רבי יעקב יחזקי' בן מורה מורינו הרב משה**, וואס מיר זענען פון תלמידי תלמידיו, אונז פראבירן אנצוהאלטן די קשר, צו גיין אין ענקערע דרכים, און ווייטער ממשיך זיין די אלע ענינים.

אבער צו דעם דארף מען האבן געזונטע גופים און געזונטע נשמות, מיר ווייסן דאך אז צווישן די גאנצע ציבור זענען דא אידן וואס האבן צעבראכענע הערצער, וואס מ'דארף האבן שטארקע ישועות, געזונט, פרנסה, נחת, בני חיי ומזוני רויחי, ס'זאל נישט אנקומען אזוי שווער.

מיט דעם כח אליין וואס אידישע קינדער גלייבן מיט אזא אמונה, מ'גלייבט מיט אמונת צדיקים אז מ'קען פועל'ן דא, אזוי ווי ס'ווערט געברענגט אין ספרים הק' אז דורכדעם וואס אידישע קינדער קומען דא און מ'זאגט דיבורים קדושים, די תפלות וואס אידישע קינדער זאגן דא, איז דורכדעם שפתותיהם דובבות בקבר, אויב אזוי גייט דאך ווייטער אן די כח פון צדיקים.

## בית יעקב אש

דער זיידע זכרונו לברכה האט דאך אנגעצינדן די לעכט, ער האט אריינגעברענגט אין אידישע קינדער די אור פון תורה.

ס'איז דאך ידוע אז ס'איז געווען בית יעקב אש ובית יוסף להבה, אז די רצון העליון איז געווען אז דער טאטע ז"ל וואס איז געווען בבחינה פון 'בית יוסף להבה' האט געפלאמט און געשיינט ווייטער פון די מרחקים, דארט וואו אונז זענען אין אמעריקא, דארט פלאמט עס ווייטער, און אונז ווילן אנהאלטן דעם פלאם!

## ישועות כל ישראל

בעטן מיר אבער, אונז גלייבן אז מ'קען פועל'ן אז אידישע קינדער זאלן האבן וואס מ'דארף, יעדער זאל זיין געזונט און שטארק, די וואס זענען געזונט זאלן ווייטער זיין געזונט און ס'זאל נישט זיין חס וחלילה קיין עגמת נפש אין די ענינים פון בריאות, און די וואס דארפן א רפואה זאלן האבן גרינגערהייט א רפואה בתוך שאר חולי ישראל.

די וואס האבן קינדער זאלן זיי קענען מחנך זיין אזוויי מ'דארף, און די וואס זענען ל"ע חשוכי בנים זאלן געהאלפן ווערן.

מיר בעטן דעם זיידן זכרונו לברכה זאל זיך ווענדן צו אונז, ער זאל אראפקוקן און זען אונזער שפלות, ער זאל זען אונזערע שוועריגקייטן מיט די אלע נסיונות וואס מ'מאכט מיט.

## שתרחמני עוד בגלותי לגאלני

מ'זאגט ביי די תפלה (יהי רצון אחר תהלים) ותמהר ותחיש לגאלנו ותבנה בית מקדשנו וכו', 'לגאלנו' מיינט מען נישט דווקא די גאולה העתידה אזוויי ס'איז ידוע פון **בעלזער רב זי"ע**, נאר ס'מיינט אויך אז מ'זאל אויסגעלייזט ווערן פון די אלע עגמת נפש'ן, אז ס'זאל נישט זיין קיין עגמת נפש.

## קבלת התפלות

בעטן מיר אז דורך די אמונה וואס אונז גלייבן זאלן מען אונז נישט פארשעמען, ס'זאל נישט ארויסקומען קיין בושה דערפון, ס'זאל זיין א כבוד שמים, וואס אז אידישע קינדער וועלן געהאלפן ווערן פון דעם וועט דאס זיין א כבוד שמים.

מ'זאל אננעמען אונזערע צעבראכענע הערצער, מ'זאל אננעמען די צעבראכענע הערצער פון די אלע וואס קומען זיך משתטח זיין אויף דעם קבר, און מ'זאל געהאלפן ווערן מיט כל מיני ישועות.

## לגדל דור נאמנים לה'

אזוי אויך זאל קענען אנגיין די אלע ענינים וואס קערן צו די מוסדות, מ'זאל קענען מרבה זיין תורה מיט יראת שמים, מ'זאל זוכה זיין צו א דור וואס זאל קענען גיין קעגן משיח צדקנו, און שונאי ישראל זאלן נישט האבן קיין שליטה אויף דאס וואס מ'וויל מחנך זיין די קינדערליך על דרך וואס אונז קלאמערן זיך, די דרך וואס אונז האבן מקבל געווען פון 'תורה מיט יראת שמים'.

מיר זאלן זוכה זיין, סיי אונז און סיי אלע שטובער זאלן זיין לעכטיג, מ'זאל זיך קענען פרייען, מ'זאל קענען דינען דעם אויבערשטן מיט לעכטיגקייט מיט פריילעכע הערצער, מיט לעכטיגע מחשבות.

מ'זאל זוכה זיין ס'זאל זיין והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם, מ'זאל קענען דינען דעם אויבערשטן זקנים עם נערים צוזאמען, און זוכה זיין בקרוב ס'זאל זיין הקיצו וירננו שוכני עפר, מ'זאל זוכה זיין בקרוב שוין צו גיין קעגן משיח צדקנו בב"א.

* * *

# דברי התעוררות והשתפכות

## אצל ציון הק' של הרה"ק הרבי ר' אלימלך זי"ע בעיר הקודש ליזענסק

**יום ג' תרומה במסגרת מסע הקודש שנת תשפ"ה לפ"ק**

### קדושת ר"ר אלימלך

גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן (חולין ז:), ס'איז ידוע וואס צדיקים האבן געזאגט אז אנדערע צדיקים טראגט מען טאקע ארויף קיין ארץ ישראל, אבער **דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע** בלייבט דא פאר אונזערס וועגן, צו זיין דא מיט אונז, און צו משפיע זיין פאר אונז אלע השפעות וואס מ'דארף.

דער לשון 'גדול' איז טייטש פון אויבן ביז אראפ, ווי הויעך דער רבי ר' אלימלך איז! דאס ווייסן אונז דאך וואס צדיקים האבן געזאגט אז ער איז דער רבי פון די רבי'ס, פון זיין גרויסקייט האלט מען אין איין רעדן, פון די געוואלדיגע גרויסקייט פונעם רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו!

### תלמידי ר"ר אלימלך

צדיקים האבן געזאגט אז פונעם ספר נועם אלימלך זענען אסאך אידן צוגעקומען צו תשובה, ממילא קומט אויס אז יעדער איד וואס ווערט נתעורר לתשובה צי פון די תפלה [קודם התפלה], צי ס'איז פון אנדערע ענינים, צי ס'איז פון די ספרים פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך, צי ס'איז פון די צעטיל קטן אדער די הנהגות, וויאזוי ס'זאל נאר נישט זיין, קען מען אפשר אויך זוכה זיין צו ווערן אנגערופן פון די תלמידים פון ר"ר אלימלך.

תלמידים קרויים בנים (ספרי ואתחנן ו, ז), ממילא בעטן מיר בשם כל קהלא קדישא הדין, את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה, אונז שוואכע אידן וויאזוי אונז זענען שוין אויס בעטן מיר פון דעם גרויסן גרויסן רבי'ן דער רבי ר' אלימלך, ער זאל זיך מרחם זיין אויף אונז! ער זאל אראפקוקן אויף אונז! שור בשפלתינו, ער זאל קוקן אונזערע שוואכע כוחות וואס אונז דראפענען זיך! אונז ווילן זיך פירן אזויווי מ'דארף זיך צו פירן, אונז ווילן זיין יראי ה' ולקיים מצוות ה', צו גיין בדרכי ה', און ווייטער מגדל זיין דורות ישרים ומבורכים.

### כל מיני ישועות

אבער צו דעם פעלט אויס אז אלע זאלן זיין געזונט און שטארק, די אלע וואס דארפן ישועות זאלן געהאלפן ווערן, חשוכי בנים זאלן געהאלפן ווערן, און די חולי ישראל זאלן האבן א רפואה שלימה, יעדער זאל זיין געזונט און שטארק, מ'זאל האבן אלעס וואס מ'דארף, פרנסות מיט שידוכים, און אלע ענינים וואס אידישע קינדער נויטיגן זיך.

זאלן מיר זוכה זיין מיט די גרויסע אמונה וואס אונז גלייבן אין דעם, זאל טאקע נישט פארשעמט ווערן אונזער אמונה! ס'זאל נישט גיין חלילה לבטלה די אלע אמונה'ס, וואס אמונה איז טייטש מלשון 'המשכה', צדיקים האבן געזאגט אז מיט די אמונה אליין איז מען שוין ממשיך די ישועה.

זאלן מיר שוין זוכה זיין צו ישועות כל ישראל, און זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ"ק מרנן רבותינו הק' קמא קמא דמטא לידן

### נסיעה לרבי

## מרשימות הגה"צ רבי **נתן געשטעטנער** זצ"ל אב"ד קרית אגודת ישראל ור"מ פנים מאירות:

**סיפר** לי **הרה"ח ר' דוד זינגער ז"ל** שלמד בפאפא אצל **כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע**, שפעם ביקר שם אבי [הגה"ח ר' עמרם] ז"ל, ולאחר זמן נפרד ממנו אבי ז"ל לנסוע אל העיר, ואחר ימים ספורים ראה עוד הפעם את אבי ז"ל בעיר פאפא, ותמה על שחזר לעיר תוך זמן קצר.

**סיפר** לו אבי ז"ל, כי כשנסע משם בפעם האחרונה התברך על ידי מרן הויגד יעקב זי"ע להצלחה, וכשנסע לביתו קיבל סחורה שעוני זהב מחוץ לארץ, והמוכסים חשבו שהשעון רק מוזהב מבחוץ ואינו זהב אמיתי, ועל כן לקחו ממנו רק סכום קטן למכס, ועל ידי זה הגיע לו ריווח רב כי לא הוצרך לשלם המכס כפי שוויות הזהב, ועל כן חזר לעיר פאפא לבשר על הצלחתו אצל מרן הויגד יעקב.

**מרן** הויגד יעקב אמר אז לאבי בדרך צחות: "ווער עס פארט צו א רבי און ער איז נישט מרויח לכל הפחות די דמי הנסיעה, איז דאך ממש א שאד"[א]... (על פי ספר דברי בן עמרם).

*

### אן ערליכער איד

## סיפר מוה"ר **אהרן אבערלאנדער** הי"ו (לאנדאן):

**הייתי** נוכח פעם אצל ה'מיטאג טיש' בצל קדשו של **כ"ק מרן זצוק"ל**, וגיסו של מרן ז"ל **הגה"צ רבי אפרים פישל סופר זצ"ל רב דבית מדרשנו י"ם עיה"ק ת"ו** היה מאוכלי שלחנו אצל מרן ז"ל, וכך סיפר אז למרן ז"ל.

**פעם** אצל שלחן הטהור ביום הפורים אצל **כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע**, בעת אשר מרן הויגד יעקב היה בדיחא דעתיה, ורקד בעוז ותעצומות על השלחן כנהוג, נעצר פתאום מול אחד מהבחורים תלמידי הישיבה ושאל אותו: "ביזט אן ערליכער איד?" נענה הבחור בשלילה, התחיל מרן הויגד יעקב להטיף עליו דברי מוסר: "וואס הייסט ביזט נישט קיין ערליכער איד? צו וואס דען ביזטו אראפגעקומען אויף דעם וועלט?!" וכך הרבה לדבר אל אותו בחור בדרך זו.

**אחר** כך המשיך מרן בהריקודים, ושוב נעצר אצל בחור אחר ושאל אותו כמו בראשון: "ביזט אן ערליכער איד?" הבחור הזה אשר כבר ידע מה צריכים לענות, נענה ואמר שאכן הוא 'ערליכער איד'... משמשמע זאת מרן הויגד יעקב שאל בתמיה: "דו ביזט אן ערליכער איד?! ביים קאלובער שטייט אויפ'ן מציבה 'והיה ערליכער איד', ווי טרויסטו דיר צו זאגן אז דו ביזט אן ערליכער איד?!"

**שוב** המשיך מרן בהריקודים, ונעצר אצל בחור שלישי ושאל אותו: "ביזט אן ערליכער איד?" נענה אותו בחור בחכמה: "איך וויל זיין אן ערליכער איד"... משמשמע מרן הויגד יעקב את דבריו, לקח את הבחור ורקד עמו בעוז ותעצומות על השלחן באמרו:

---

**א.** בכך המליץ מרן הויגד יעקב שכשנוסעים לרבי מרויחים דמי הנסיעה. ויצויין מה שאמר פעם כ"ק מרן שליט"א לקראת א' מהנסיעות לצדיק לעיר פאפא לקראת יומא דהילולא קדישא של מרן הויגד יעקב זי"ע, שמסתבר שמה שמוציאים בשביל נסיעה זו, השי"ת יחזיר לו מה שהוציא, כמו אצל הוצאות שבת ויו"ט.

"קוקטס! ער וויל זיין ערליכער איד! ער וויל זיין אן ערליכער איד!"

*

## טענת פורים על השבת

### מרשימות המשב"ק הרה"ח ר' **יחיאל האלפערט** שליט"א:

**ביום** הפורים שנת תשל"ד לפ"ק כשחל פורים בערב שב"ק, אמר **כ"ק מרן זצוק"ל** בעת שלחן הטהור:

"**איך** האב געקלערט אז ווען פורים געפאלט אין פרייטאג, צי פורים וועט נישט האבן א טענה צום שבת. היות פורים טוט מען אויף גרויסע זאכן מיט דעם וואס מ'געבט געלט פאר די ארימעלייט, און איך וועל ענק מגלה סוד זיין אז עס ווענדן זיך צו מיר צוועקן פון הכנסת כלה, מלבוש ערומים, ביקור חולים, תלמוד תורה, משכיל אל דל, און נאך זאכן וואס שטייט דארט אויסגערעכנט, און איך האב יעדעם צוגעזאגט עפעס עוסק צו זיין אין דעם, און איך פלעג צו צאמנעמען פורים געלט אויף דעם; האב איך יעצט א שאלה וויאזוי די פורים מיט'ן שבת וועלן זיך פארגלייכן, די פורים קען דאך האבן א טענה צום שבת אז האסט מיר צוגענומען פרנסה"...

**ומרן ז"ל הטעים עוד יותר בלשון צחות:**

"**די** גמרא זאגט דאך (ראש השנה כ.) אז מ'האט געמאכט לא אד"ו ראש כדי ס'זאל נישט אויסקומען יום כיפור מיט שבת צוזאמען, אויב אזוי וואלט מען אפשר געדארפט מאכן אז ס'זאל נישט קענען אויספאלן פורים אויף פרייטאג"...

**והפטיר מרן ז"ל:**

"**כדי** די פורים זאל נישט האבן א קפידה אויף די שבת, וועלן מיר מפייס זיין דעם פורים, און מיר וועלן נעמען היבש געלט פונעם עולם, כדי ס'זאל זיין פונקט ווי יעדע יאר"...

*

## מהר אהוב כי בא מועד

### מרשימות מוה"ר **יעקב יחזקי' ברע"י גרינוואלד** הי"ו:

**ביום** הפורים שנת תשס"ה לפ"ק כשחל פורים בערב שב"ק, לפני שסיבב **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** על השלחן הטהור לקבץ מעות עבור 'קופת צדקה', הקדים מרן שליט"א וסיפר את העובדא הידועה של **מרן הבעש"ט הק' זי"ע** מה שסיפר **כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע** אצל ציון הק' של **כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע**, שאשה אחת נתברכה עם בן בברכת הבעל שם הק', ואחר פטירת הבעל שם הק' נחלה הילד ל"ע, והאשה הביאה את הילד והניחו על ציון הק' במעזיבוז והלכה לה לביתה, ונעשה רעש בשמים, "אז מ'דארף איר זייער שנעל העלפן, ווייל אז די קינד וועט אויפשטיין שפעטער וועט די מאמע שוין נישט זיין דא", ואכן הילד קם על רגליו בריא וחזק. והפטיר על זה מרן מהר"י זי"ע אצל ציון הק' של אביו זי"ע: "טאטע! איך בעט דיר העלף אונז שנעל, ווייל אונז קענען שוין נישט אויסהאלטן!"

**והמליץ על זה מרן שליט"א:**

"**כ'וויל** דא זאגן אז אזויווי ס'איז יעצט פורים ערב שבת קודש, דארף מען יעצט אין דעם געוואלדיגן זמן אריינכאפן און מ'זאל שנעל געבן גרעסערע געלטער, און מיט גרעסערע געלטער קען מען שנעלער פועל'ן!" ואמר מרן שליט"א: "קודם וועל איך אליין אנהייבן", והפריש סכום הגון לקופת צדקה, ואחר כך סיבב על השלחן אצל הציבור.

מבקשים אנו מאנ"ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק' ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי"ו על הקו המיוחד 5548-450(646)

כל הזכיות שמורות ל'מערכת פאפא'
718.480.7872
להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 > 0**

עלוני בקודש פנימה

מערכת פאפא

אריינצולייגן אייער מודעה אדער 'מזל טוב' פארבינדט אייך אויף:
**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג